**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט צו האלטן 2025 ׳ווערלד קאנאל קאנפערענץ׳**

***אינטערנאציאנאלע פראגראם וועט געהאלטן ווערן אין באפעלאו דורכאויס 200׳סטע יארטאג פייערונג פון דער היסטארישער ערי קאנאל׳ס עפענונג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז ניו יארק סטעיט איז אויסגעקליבן געווארן דורך ׳[אינלאנדישע וואסער-וועגן אינטערנאציאנאל](#)׳ אלס די גאסטגעבער פון דעם 2025 ׳ווערלד קאנאל קאנפערענץ׳, א פראגראם וואס ברענגט צוזאם הונדערטער קאנאל און אינלאנדישע וואסער-וועג ליבהאבער, פראפעסיאנעלן און שטודירער פון ארום דער גארער וועלט זיך צו לערנען איבער א ריי טעמעס פארבינדן צו קאנאלן. די 2025 קאנפערענץ וועט געהאלטן ווערן אין באפעלאו אזוי ווי די סטעיט טוט אנדענקען די 200׳סטע יארטאג פון דעם ערי קאנאל׳ס עפענונג דארט אין 1825. דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט, ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען, און דער ׳ערי קאנאלוועי׳ נעשענעל העריטעדזש קארידאר׳, אין צוזאמענארבעט מיט דעם ערי קאנאל הארבאר דעוועלאָפּמענט קארפארעישען און באזוכן באפעלאו ניאגארא, זענען די געמיינזאמע ספאנסירער און וועלן קאארדינירן אלע הינזיכטן פון דעם קאנפערענץ.

״עס איז מיר א כבוד אז ניו יארק סטעיט, און איבערהויפט דער שטאט באפעלאו, וועט זיין דער גאסטגעבער פאר׳ן 2025 ׳ווערלד קאנאל קאנפערענץ׳, אונז צושטעלנדיג מיט די געלעגנהייט אויפצונעמען אנטיילנעמער פון ארום דער וועלט און גלייכצייטיג ארויסהייבן א קריטיש-וויכטיגע טייל פון אונזער סטעיט און לאנד׳ס געשיכטע דורכאויס דער 200׳סטע יארטאג פון דעם ערי קאנאל׳ס עפענונג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער ערי קאנאל איז געווען אן אינטעגראלע טייל פון ניו יארק׳ס עקאנאמיע און לאנדשאפט זינט גאווערנער דעוויט קלינטאן האט אנגעהויבן די 10-טאגיגע רייזע אין באפעלאו אין 1825 אויף דעם ניי פארענדיגטן קאנאל, גרייכנדיג איר שפיץ אין די בארימטע ׳חתונה פון די וואסערן׳ צערעמאניע אין ניו יארק הארבאר.״

דער ׳ווערלד קאנאל קאנפערענץ׳ איז א הויפט שטאנדטייל פון אן אויספירליכע, פיר-חדשים׳דיגע פייערונג פון דער ערי קאנאל׳ס צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג פלאנירט ביי דער היסטארישער באפעלאו וואסער-ברעגע צווישן מאי און סעפטעמבער פון 2025. דער פראגראם וועט ארויסהייבן באפעלאו׳ס טראנספארמירטן וואסער-ברעג קאנאלסייד דיסטריקט, וועלכס האט לעצטנס געזען איבער 400 מיליאן דאלער אין נייע אינוועסטירונג אריינגערעכנט נייע האטעלן, א גרויסע ספאָרט ארענא, א קינדער׳ס מוזעאום, ריטעיל געשעפטן און וואונדערליכן, ווידער-געשאפענע וואסער-וועג אויף די שטח פונ׳ם ארגינעלן ערי קאנאל אין דער קווין סיטי. היינט, טוט באפעלאו׳ס קאנאלסייד צוציען איבער 1,000,000 פערזאנען יערליך.

דער קאנפערענץ פראגראם וועט זיין לעבהאפטיג, רעלעוואנט און אן קיין ספק צוקונפטיג-פאקוסירט אזוי ווי קאנאלן און אינלאנדישע וואסער-וועגן זענען גרונטליך באהאפטן מיט די סאציעלע, קולטורעלע און

עקאנאמישע פייבער-אָפּטיק פון זייערע ארומיגע קאמיוניטיס. אין איינקלאנג, וועט דער פראגראם זיין אויסגעשטעלט אויף ארומצונעמען דיסקוסיע פון די אינאוואציעס, געלעגנהייטן און פארמעסטן וועלכע טרייבן געזונטע און שטאנדהאפטיגע וואסער-וועג פון דער וועלט היינט. סעסיעס אויף וואסער-וועגן און קאמיוניטיס, טוריזם און פארוויילונג, וואסער-וועג פארוואלטונג, היסטארישע אפהיטונג און אריינעמיגקייט און צוטריטליכקייט וועט אנטהאלטן א פארשידנארטיגע און גאר געוואונשענע קאנפערענץ אגענדע. אינטערנאציאנאלע אנטיילנעמער וועלן אנצייכענען דעם טיף באאיינדרוקספולן אימפאקט וואס דער ערי קאנאל האט געברענגט צו צפון אמעריקע און וועלן קענען אויסצייכענען דעם וועג פאר א לעבהאפטן צוקונפט מיט גינציגע-אויסזיכטן צו זיין מיטגעטיילט דורך אינלאנדישע וואסער-וועגן איבער דער גארער וועלט.

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "אונזער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט און קאנאל קארפארעישען פאמיליע איז אויסערגעוועינליך שטאלץ זיך אנצושליסן מיט גאווערנער האוקול און אונזערע צוזאמארבעטער אין דער צייט וואס מיר פייערן די צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג פון ניו יארק סטעיט׳ס איקאנישע ערי קאנאל אויף א וועלט׳ס בינע. דער אינטערנאציאנאלער פראגראם וועט נישט נאר ארויסווייזן אונזער קאנאל סיסטעם וועלכע ארבעט נאך, אבער עס וועט אויך הייבן איר אנגייענדע פאזיטיווע אימפאקט אויף ארטיגע עקאנאמיעס און ארויסהייבן די ענדלאזע געלעגנהייטן פאר אוואנטורעס לענגאויס אונזער נעטוואָרק פון וואסער און טרעילס."

**ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען דירעקטאר ברייען יו. סטרעטאן האט געזאגט,** "אויף באלד צוויי-יארהונטערטן האט דער ערי קאנאל באהאפטן מענטשן און מסחר לענגאויס אונזער סטעיט, און אלס די אפוטרופסים פון דער איקאנישער וואסער-וועג, בין איך באגייסטערט צו פייערן איר צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג אינאיינעם מיט גאווערנער האוקול און אונזערע קאלעגעס אזוי ווי מיר ברענגען דעם אינטערנאציאנאלן פאקוס פון דעם 'וועלטס קאנאלן קאנפערענץ' צוריק צו ניו יארק סטעיט. די אלוועלטליכע צונויפזאמלונג פון אינלאנדישע וואסער-וועג פירער און קאנאל ליבהאבער ערמעגליכט פאר אונז צו ווירקליך ארויסווייזן וויאזוי אונזער אנגייענדע אינוועסטירונגען אין דעם קאנאל סיסטעם שטיצע פארוויילונג און ארטיגע ביזנעסער אין קאנאלסייד קאמיוניטיס לענגאויס אָפּסטעיט ניו יארק."

**'ערי קאנאלוועי נעשענעל העריטעדזש קארידאר' עקזעקיוטיוו דירעקטאר באב רעדליף האט געזאגט,** "באפעלאו איז דער בעסטער פלאץ צו האלטן דעם קאנפערענץ און איך שטאלציר מיך צו ווייזן פאר דער וועלט אלצדינג וואס עס האט אנצובאטן. באקאנט אלס דער 'געיטוועי צום מערב', האט דער ערי קאנאל באהאפטן דעם האוון שטאט באפעלאו מיט אנדערע שטעט לענגאויס די גרעיט לעיקס און צום אטלאנטישן ים אין ניו יארק סיטי. די היסטארישע פארבינדונג איז צענטראל צו באפעלאו׳ס היסטאריע, און עס איז די הויפט סיבה פארוואס די שטאט איז פארוואנדלט געווארן אין א קאמערציעלע און אינדוסטריעלע מאכטפולע ארט אין די 1800׳ער יארן."

**ערי קאנאל הארבאר דעוועלאָפּמענט קארפארעישען באורד פארזיצער ראבערט גיאיע האט געזאגט,** "קאנאלסייד האט דער כבוד אויסגעקליבן צו ווערן צו זיין די גאסטגעבער פאר׳ן 2025 'וועלטס קאנאלן קאנפערענץ'. דער קאנפערענץ וועט זיין דאס קעפל פונ׳ם זומער וואס פייערט די 200׳סטע יארטאג פון דעם ערי קאנאל אויפ׳ן באפעלאו וואסער-ברעג. עטליכע פראגראממען ווערן פלאנירט אפצוצייכענען דעם היסטארישן גרייכפונקט, וואס וועט אנטהאלטן פובליק קונסט, בילדונגס פראגראממען, און טורס פון דעם נאכגעמאכטן פעקל שיף וואס ווערט איצט געבויט אין דעם 'לאנגשעד' ביי קאנאלסייד אין איצטיגן מאמענט."

**'באזוכט באפעלאו ניאגארא' פרעזידענט און CEO פעטריק קאלער האט געזאגט,** "די צוגענגליכקייט פון דער 'שטאט פון גוטע שכנים' פאראייניגט מיט די קליינע פארנעם, פיסגייער-גינציגע דאונטאון, און

אוצר פון אינדרויסנדיגע פארווײלונגס אקטיוויטעטן ארײנגערעכנט איר שטוינענדע וואסער-ברעג ביי דער מערב טערמינוס פון דעם ערי קאנאל מאכט באפעלאו א פארמעסטערישע פראגראם דעסטינאציע און די היסטאריע וואס מיר האבן אנצובאטן איז נישט צום פארגלייכן. איך קוק ארויס אויף צו ווייזן פאר די וועלט אלצדינג וואס עס האט אנצובאטן.״

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** ״דער ערי קאנאל האט געשפילט א העכסט-נייטיגע ראלע אין דער דעוועלאָפּמענט פון דער שטאט באפעלאו און גאנץ ניו יארק און איז ווייטער א וויכטיגע טייל פון אונזער שטאט׳ס אידענטיטעט היינט. איך קוק ארויס צו באפעלאו ארויסווייזן אלצדינג וואס מיר האבן אנצובאטן פאר׳ן 2025 ׳וועלטס קאנאלן קאנפערענץ׳, וועלכע וועט אנדענקען דעם 200׳סטן יארטאג פון דער עפענונג פון דעם קאנאל. קאנגראטולאציעס צו אלע וועלכע האבן געארבעט צו ברענגען דעם וויכטיגן פארקומעניש צום ׳קווין סיטי׳.״

**סטעיט סענאטאר שעאן רייען האט געזאגט,** ״עס וועט זיין א ספעציעלן כבוד פאר באפעלאו צו זיין די גאסטגעבער פאר׳ן 2025 ׳וועלטס קאנאלן קאנפערענץ׳ אזוי ווי מיר צייכענען דעם אומגלויבליכן 200-יעריגע גרייכפונקט פון דעם ערי קאנאל. דאס וועט זיין אן אייגנארטיגן געלעגנהייט צו ווייזן באפעלאו און מערב ניו יארק צו דער וועלט אזוי ווי מיר פייערן אונזער היסטאריע און קוקן ארויס צום צוקונפט.״

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פעאפעלס סטאוקס האט געזאגט,** ״באפעלאו האט דעם כבוד צו האלטן דער 2025 ׳וועלטס קאנאלן קאנפערענץ׳ אין דער זעלבער צייט וואס מיר וועלן פייערן דעם 200׳סטן יארטאג פון דעם ערי קאנאל. אונזער וואסער-ברעגע ציעט צו זיך מער און מער באזוכער וועלכע זענען דערהייטערט זיך צו לערנען מער איבער די היסטאריע פון דעם ערי קאנאל. מיר קוקן ארויס אויף זיך דורכצורעדן איבער בעסטע פירונגען אויף קאנאל סיסטעמען און ווייזט קאנפערענץ אנטיילנעמער פון ארום דער וועלט וויאזוי באפעלאו קאנאלסייד האט געהאלפן אויפלעבן אונזער שטאט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן די. ריוועלא האט געזאגט,** ״וואן דער ערי קאנאל האט געעפנט איר וואסער-וועג אין 1825, עס ברענגט אונז צו א נייע עפאכע פון אמעריקאנע פיקחות, טראנספארמירנדיג דעם אופן וואס גרויסע מאסן מסחר ווערן טראנספארטירט און גיבן א נייע באדייט צום אופן וויאזוי קאמערציעלע טראנספארטאציע ווערט אויסגעפירט. היינט איז דער ערי קאנאל פאסיג אנערקענט פאר איר היסטארישע באדייט צו אונזער לאנד׳ס עקאנאמישע קענטעניס און איז מיט רעכט גערעכנט צו זיין צווישן די מערסט באאיינדרוקספולע מענטשליך-געבויטע וואסער-וועגן און ביישפילן פון ציווילע אינזשינערונג. האבנדיג דער 2025 ׳וועלטס קאנאלן קאנפערענץ׳ אינאײנעם מיט באפעלאו׳ס פייערונג פון דעם 200׳סטן יארטאג פון דעם קאנאל׳ס עפענונג וועט נישט נאר זיין אן אנדענק צו די באנייטע היסטאריע פון דעם קאנאל אליין, אבער עס וועט אויך ערמעגליכן פאר באזוכער פון איבער דער וועלט צו זען וויאזוי באפעלאו אינוועסטירט אין איר וואסער-ברעגע און טוט איינשפריצן מאדערנקייט צו איינע פון דער וועלטס מערסט אנערקענענדע קאנאל סיסטעמען.״

**שטאט באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** ״באפעלאו שטאלצירט זיך צו האלטן די אינטערנאציאנאלע דעלעגאציע ביי קאנאלסייד. די שטאט׳ס באריכטע תבואה עלעוועיטערס, אפן-לופטיגע פארווײלונג און אייגנארטיגע ארכיטעקטור מאכן עס אן אויסגעצייכנטן אויסוואל פאר׳ן 2025 ׳וועלטס קאנאלן צוזאמקונפט.׳ מיר קוקן ארויס אייך ווארעם אויפצונעמען צו אונזער וואסער ברעגע.״

**׳אינלאנדישע וואסער-וועגן אינטערנאציאנאל׳ פרעזידענט רודי וואנדערווין האט געזאגט,**
״׳אינלאנדישע וואסער-וועגן אינטערנאציאנאל׳ גוט ארויס מיט חשק צו אנטדעקן באפעלאו און דער ברייטערער ראיאן מיט א גרויסע דעלעגאציע פון אירע מיטגלידער — קומענדיג פון נישט ווייניגער ווי 27 לענדער איבער דער וועלט — לכבוד דער ׳וועלטס קאנאלן קאנפערענץ 2025׳! מיר זענען זיכער אז דער גאסטגעבער שטאט פון ניו יארק, יו-עס-עי, וועט עס מאכן אן אומפארגעסליכן פארקומעניש!״

די אויפקומענדע קאנפערענץ אין באפעלאו וועט אנצייכענען די פערטע מאל אין לעצטערע יארן וואס ניו יארק סטעיט האט געהאלטן דעם אינטערנאציאנאלן צוזאמקונפט. עס איז פריער געהאלטן געווארן אין ראטשעסטער אין 2000 און 2010, און נאכאמאל אין סירעקיוס אין 2017 וועלכע האט אנגעצייכנט די 200 יארן זינט דאס אנהייבן קאנסטרוקציע פון דעם ערי קאנאל אין 1817. ספעציפישע איינצלהייטן איבער די 2025 ׳וועלטס קאנאלן קאנפערענץ׳ וועט אויסגעמאלדן ווערן אזוי ווי קאנפערענצן לאזן זיך אין גאנג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן